בס"ד

פרשת תזריע/החודש - תשפ"ב - גליון כ"ד

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# קמחא דפסחא

## די געוואלדיגע מעלות הצדקה

טייערע אידן! מיר שטייען יעצט פאר פסח ווי עס שטייט אין שלחן ערוך די געוואלדיגע מצוה פון געבן צדקה קימחא דפיסחא

ווי אויך שטייט אין שלחן ערוך אין יורה דעה, אז א מענטש ווערט קיינמאל נישט ארעם פון צדקה, און קיין שום שלעכטס און קיין שום שאדן קומט נישט ארויס פון געבן צדקה.

### דער הייליגער קאז'ניצער מגיד זי"ע פסק'נט וואס מיינט צדקה

א איד אן עושר איז אמאל געקומען צום הייליגן קאז'ניצער מגיד זי"ע און אים געפרעגט "רבי! וויפיל צדקה דארף איך אפשיידן? איך האב דאך שוין נעכטן געגעבן צדקה און אויך דער טאג פאר דעם האב איך געגעבן צדקה, וויפיל איז דער שיעור?" דער הייליגער מגיד האט אים צוריקגעפרעגט "וויפיל מאל א טאג עסטו?" דער עושר ענטפערט "איך עס וויפיל איך דארף צום קיום הגוף!" דער הייליגער מגיד האט אים געענטפערט "דו האסט דאך שוין נעכטן געגעסן און אויך א טאג פאר דעם? פונקט ווי עסן דארפסטו פאר קיום הגוף יעדן טאג פון פריש, די זעלבע איז מיט צדקה, דאס דארפסטו פונקט אזוי וויכטיג פאר קיום הגוף. וויפיל מאל א טאג דו עסט פאר קיום הגוף, אזוי פיל מאל דארפסטו מפריש זיין צדקה פאר קיום הגוף!"

### פארוואס האט הרה"ג ר' משולם דוד סאלאווייטשיק זצ"ל צוגעמאכט די גמרא צו מסדר זיין צדקות?

דער הייליגער בריסקער רב'ס זון הרה"ג משולם דוד סאלאווייטשיק זצ"ל איז געווען א גרויסער מתמיד. איינמאל האט הרה"ג משולם דוד זצ"ל געדארפט מסדר א ענין פון גמילת חסד, און ער האט צוגעמאכט די גמרא און ער איז ארויס פון שטוב צו מסדר זיין דער גמילת חסד. זיינע תלמידים האבן זיך אויף אים געוואונדערט און אים געפרעגט "רבי! פארוואס דארפסטו צומאכן די גמרא מסדר צו זיין דער גמילת חסד? עס זענען דאך דא גענוג און נאך מענטשן וואס לערנען נישט! זאלן זיי דאס מסדר זיין און דער רבי קען ווייטער זיצן און לערנען?" ר' משולם דוד זצ"ל האט זיי געענטפערט "מיין טאטע זצ"ל דער בריסקער רב האט מיר אמאל געזאגט אין דעם ענין א כלל גדול! א איד וואס מאכט צו די גמרא צו טוהן חסד, ביי אים איז די גמרא אפן! א איד וואס עפענט א גמרא כדי נישט צו טוהן א חסד, ביי אים איז די גמרא פארמאכט!"

### די פראבלעם אין מדבר איז געווען זאגט דער סאטמאר רב זצ"ל אז מען קען נישט געבן קיין צדקה

כ"ק האדמו"ר בעל דברי יואל מסאטמאר זצוק"ל אלס רב אין ארשיווע האט אמאל געזאגט פסח ביים טיש: די פסוק זאגט אז די אידן האבן זיך באקלאגט אויף די מן "ונפשינו קצה בלחם הקלוקל", אז מען נעמט נאר אריין אבער גארנישט גייט נישט ארויס. ווי אזוי קען דאס טאקע זיין אז א ילוד אישה דארף נישט ארויסגיין נאכן עסן? נאר וואס דען, דער שלימות פון א איד איז אז ער פארדינט געלט און ער געבט אוועק פון זיין געלט צדקה פאר א צווייטן. דאס האבן זיך די אידן באקלאגט אין מדבר אז יעדער באקומט דאך מן צוגלייך און קיינער דארף נישט צוקומען צו יענעמס הילף, און זיי האבן געפיהלט אז דורך די מן נעמען זיי נאר אריין אבער זיי געבן גארנישט אוועק פאר א צווייטן!

### פארוואס מאכט מען נישט א ברכה אויף מצות צדקה?

צדיקים האבן געפרעגט: פארוואס מאכט מען נישט א ברכה אויף מצוות צדקה? עס איז דרך פון די חשוב'סטע מצוות, און עס איז פון די ג' עמודי העולם? נאר דער טעם איז וויל אויב א איד וואלט געמאכט א ברכה אויף מצוות צדקה, וואלט ער דאך געלאפן צוגרייטן דעם גוף פארן מאכן דעם ברכה, און ער וואלט נאך שנעל געלאפן אין מקוה זיך מטהר זיין לכבוד די ברכה. חז"ל האבן מורא געהאט אז ווילאנג דער איד וועט ארומקאכן מיט די אלע געהויבענע הכנות צום גרויסער מצוה וועט דאך דער ארעמאן אויסגיין פאר הונגער און שטארבן! דערפאר האבן חז"ל נישט מתקן געווען קיין ברכה אויף מצוות צדקה, נאר מען זאל באלד לויפן געבן דאס געלט פארן ארעמאן, און ער זאל נישט דארפן אויסווארטן קיין לאנגע געהויבענע הכנות!

### ווי איז מען בודק די נשמה פון א איד זאגט דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געזאגט, אז אויב וויל מען בודק זיין א מענטש דאס געזונט צושטאנד איז מען בודק די דופק פון זיין הארץ (פולס). אויב אבער וויל מען בודק זיין די

געזונט צושטאנד פונעם נשמה פון א איד, דארף מען בודק זיין די הענט! אויב יענער מאכט כסדר אויף די הענט צו טיילן צדקה פאר אן אנדערע איד איז א סימן אז זיין הארץ איז ריין, און זיין רוחניות'דיגער מצב איז אין ארדענונג!

# שלח לחמך פונעם דערפל אין פוילן ביזן כותל המערבי

## ר' אשר דרוק הי"ו פארציילט א מעשה פלא

איך האב געזעהן א מורא'דיגע מעשה אין דעם ענין, עס האט דערציילט ר' אשר דרוק הי"ו: אין פוילן האבן געוואוינט צווי לעכטיגע קינדער נאנטע חברים, יענקעלע און יוסעלע. יוסעלע איז געווען א יתום פון זיין טאטע ל"ע, און זיין מאמע די אלמנה האט זיך זייער געמוטשעט צו שפייזן איר יונגע יתומ'ל. איינמאל איז יוסעלע דער יתום געגאנגען מיט זיין מאמע אין די גאס, און זיין חבר יענקעלע איז זיי אנקעגן געקומען מיט א גרויסער שמייכל אויפן פנים! יוסעלע פרעגט זיין חבר יענקעלע "וואס ביסטו היינט אזוי פריילעך?" יענקעלע ענטפערט "קוק, איך האב שיינע נייע שיך!" יוסעלע האט א קוק געטוהן אויף יענקעלע'ס נייע שיך און ער האט געבליקט אויף זיינע צעריסענע אלטע אפגעריבענע שיך, און ער האט זיך אנגערופן צו זיין ארעמע מאמע "מאמי! איך וויל אויך האבן נייע שיך! מאמי קויף מיך נייע שיינע שיך אזוי ווי יענקעלע!" די מאמע האט אים ליבליך געענטפערט "יוסעלע טייערע! איך וועל דיר קויפן נייע שיך לכבוד פסח, יעצט איז מיר זייער שווער ווייל איך האב נישט קיין געלט, אבער איך וועל טוהן אלעס אין די וועלט דיר צו קויפן נייע שיך אויף פסח!" יוסעלע האט נישט נאכגעלאזט און גע'טענה'ט "אבער מאמי! קוק ווי צעריסן מיינע שיך זענען, עס גייט מיר אריין וואסער אין די שיך, איך קען נישט ווארטן ביז פסח!" די מאמע האט געענטפערט "יוסעלע, איך וויל דיר אזוי שטארק קויפן נייע שיך, אבער איך האב יעצט נישט קיין געלט פאר דעם, וואס קען איך טוהן?" יענקעלע האט זייער רחמנות באקומען אויף זיין חבר יוסעלע דער יתום, און ער האט אויסגעטוהן זיינע נייע שיינע שיך און זיי דערלאנגט פאר יוסעלע זאגענדיג "נעם יוסעלע, איך גיב דאס דיר אוועק!" יוסעלע האט זיך אזוי געפריידט און זיי גלייך באלד אנגעטוהן, אבער יוסעלע'ס מאמע האט זיך אנקעגן געשטעלט און געזאגט "יוסעלע, איך וועל דיר שוין קויפן נייע שיך ווען איך וועל מיר דאס קענען ערלויבן, נעם נישט אוועק יענקעלע'ס נייע שיך וואס ער האט קוים יעצט באקומען!" אבער סיי יענקעלע און סיי יוסעלע האבן זיך גע'עקשן'ט און יוסעלע'ס מאמע האט נאכגעגעבן, און יוסעלע האט מיט גרויס שמחה אנגעטוהן די שיינע נייע שיך!

עס אריבער א תקופה פון די מעשה און יוסעלע'ס מאמע איז נעבעך אויך נפטר געווארן, און ער איז געווארן א קיילעכיגער יתום רח"ל. יענקעלע'ס הארץ איז אויסגעגאנגען פאר רחמנות פאר זיין אומגליקליכער חבר יוסעלע, און ער האט אים געוואלט העלפן. ער האט זיך געוואנדן צו זיין טאטע און אים געבעטן "טאטי! מיין חבר יוסעלע איז נעבעך געבליבן אן עלנדער קיילעכיגער יתום און ער האט נישט ווער עס זאל זיך אפגעבן מיט אים. איך בעט דיר טאטי נעם אריין יוסעלע צו אונז אהיים אז ער זאל וואוינען ביי אונז, און שלאפן און עסן ביי אונז!" דער טאטע האט מיט מיטלייד געענטפערט "יענקעלע טייערער! איך האב אויך זייער רחמנות אויף דיין חבר יוסעלע, אבער דו זעהסט דאך אז מיר האבן א קליינע דירה און איך האב קוים פלאץ פאר אונזער אייגענע משפחה, און עס איז מיר ממש נישט מעגליך אריינצונעמען נאך א קינד אינדערהיים!" יענקעלע האט עס נישט אויסגעהאלטן!

דעם קומענדיגער טאג איז יענקעלע געגאנגען אין חדר אריין, און ווען עס איז געקומען אווענט צייט איז יענקעלע נישט אהיימגעקומען. עס איז אריבער א שעה און נאך א שעה און יענקעלע איז נאך אלס נישט אהיים, און די עלטערן זענען שוין געווארן באזארגט. מען האט זיך ארויסגעלאזט אין די גאסן אויפזוכן יענקעלע, און נאך נישט אזוי לאנג זיכן האט מען אים געטראפן שלאפן אינאיינעם מיט יוסעלע דער יתום אין א דענעבנדיגער שול! אזוי ווייט איז יענקעלע ארויס פון זיין וועג צו העלפן און מחזק זיין יוסעלע דער קיילעכיגער יתום.

עס זענען אריבערגעלאפן יארן, און אינצווישן האט אויסגעבראכן די פינסטערע שרעקעדיגע צווייטער וועלט מלחמה. בחסדי שמים האבן יענקעלע און יוסעלע איבערגעלעבט די גרויזאמע בלוטיגע מלחמה, יענקעלע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און דארטן חתונה געהאט, און יוסעלע איז אנגעקומען קיין אמעריקע און ער האט דארטן חתונה געהאט.

עס איז אריבער יארן לאנג און יענקעלע איז שוין נישט געווען יענקעלע נאר הרב הגאון רבי יעקב א איד א תלמיד חכם א מרביץ תורה, און ער האט געהאלטן פארן חתונה מאכן זיין עלטסטע טאכטער, אבער ער האט נישש געהאט קיין פרוטה לפורטה. תשעה באב ביינאכט איז ער אריבער צום כותל המערבי צו זאגן קינות און צו מתפלל זיין צום אויבערשטער דער כל יכול אז ער זאל אים אויפרעכטן און אים שיקן די הוצאות החתונה. ער קומט אן צום כותל און ער זאגט דארט קינות לתשעה באב, און נאך קינות האט ער זיך געשטעלט וויינען און מתפלל זיין ביים כותל אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט פרנסה בשפע, ובפרט מיט די הוצאות החתונה. ער שטייט און וויינט דארט אזוי, און ער שפירט אז איינער קוקט אים אריין אין פנים אריין. ער געבט א בליק אויף יענעם, און עס דאכט זיך אים אז ער קען אפשר דעם פנים פון ערגעץ, אבער ער איז נישט זיכער. יענעמס קוקן אויף אים האט אים געמאכט אומאיינגענעם, און ער איז אוועקגעגאנגען פון וואו ער איז געשטאנען, און ער הייבט ווייטער אן צו דאווענען און וויינען. עס גייט נישט אריבער קיין צוויי מינוט און... יענער קומט שוין ווייטער קוקן אויף אים! ער ווענדט זיך צו יענעם און פרעגט "איר ווילט עפעס פון מיר?" יענער פרעגט אים "זענט איר אפשר א פולישער אפשטאמיגער?" ר' יעקב ענטפערט "יא איך בין פון פוילן! און ווער זענט איר?" יענער פרעגט צוריק "איר הייסט אפשר יענקעלע?" ר' יעקב כאפט וואס דא גייט פאר און שרייט אויס "יוסעלע???" זיי האבן זיך הארציג באגריסט און יוסל נעמט ארויס זיין טשעק ביכל און שרייבט אים אויס א טשעק פון צעהן טויזענט דאללער און געבט דאס פאר ר'

יעקב און זאגט "איך דארף דיר דאך באצאלן פאר די שיך וואס דו האסט מיך געגעבן אלס קינד......" ר' יעקב האט אויפגעלאכטן מיט דעם טשעק, ווייל מיט דעם סכום האט ער געהאט מער ווי גענוג פאר די הוצאות החתונה! (בימים ההם נאכן קריג איז צעהן טויזענט דאללער געווען אסאך מער ווערט ווי היינט). יוסל שנעל געלאפן און אריבערגערופן זיין פרוי און איר געזאגט "געדענקסט איך האב דיר פארציילט אז אלס יתום'ל אין פולין האב איך געהאט א חבר יענקעלע וואס האט מיר אוועקגעגעבן זיינע שיך און איז מיט מיר געשלאפן אין בית המדרש און האט אסאך גוטס געטוהן מיט מיר? ער איז דער יענקעלע!!!"

### ...האט דער הייליגער אמרי אמת געזאגט

# פאר פייגא וועט שוין דער דאקטער נישט העלפן

## אבער פאר אן אנדערן איד קען עס נאך העלפן, די מעשה וואס האט זיך געענדיגט אין רמת השרון מיט די שלוחים פונעם לב שמחה זצוק"ל

## בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל אבער אלעס בזכות הצדקה

דער בעל התניא שרייבט אין איגרת הקודש, אז די עיקר עבודה אין אונזערע צייטן בעוקבתא דמשיחא איז עבודת הצדקה, אזוי ווי עס שטייט "אין ישראל נגאלין אלא בצדקה".

## א טיר וואס מען האט נישט געפענט פאר אן ארימאן צו געבן צדקה וועט מען דארפן עפענען פאר א דאקטאר

עס שטייט אין ספר פתח עינים פונעם הייליגן חיד"א, אז ער האט געהערט פון א גדול אחד פשט אינעם מדרש. די מדרש זאגט אז א טיר וואס מען האט נישט געפענט פאר אן ארימאן צו געבן צדקה וועט מען דארפן עפענען פאר א דאקטער. האט יענער גדול ערקלערט אז דאס איז מדה כנגד מדה, ווייל דער מענטש וואס געבט נישט קיין צדקה טראכט אז איך מעג נישט געבן קיין צדקה פארן עני ווייל דער אויבערשטער האט דאך אויף אים גוזר געווען אז ער זאל זיין ארעם, און אויב וועל איך אים געבן צדקה וועל איך טון אנקעגן די גזירה פונעם אויבערשטער. מדה כנגד מדה וועט אים דער אויבערשטער קראנק מאכן ל"ע, און ער וועט רופן א דאקטער זאל אים היילן, אבער לויט זיין פארדרייטער שכל איז דאך א גזירה פונעם אויבערשטער אז ער זאל זיין קראנק וממילא טאר ער דאך זיך נישט לאזן היילן.... אבער אדם קרוב אצל עצמו..... ער וועט זיך בארעכענען אז דער אויבעשטער איז דאך א רחמן, און דער אויבערשטער וויל דאך זיכער יא אז ער זאל אויסגעהיילט ווערן, און פון דעם וועט ער אויך טוישן זיין קוק ווינקל לגבי עניים און באשלוסן אז טאקע דער אויבערשטער האט זיי געמאכט ארעם, אבער ער איז דאך א רחמן און ער וויל געוויס אז מען זאל זיי געבן צדקה.

## א פארכטיג ווארט פונעם בית אהרן

עס שטייט אין ספר הקדוש בית אהרן פון הרה"ק אהרן קארלינער זי"ע, א פלא פון א לשון "דער עולם איז גאר אין טעות און נאריש און מיאוס, וואלט א בעל הבית [וואלט ווען א איד געוויסט] וויסן אז אין אן עני איז דאס לעבן דאס פרנסה דאס געזונט פון ווייב און קינדער [אז בזכות די צדקה וואס מען גיבט פאר אן ארימאן דאס ברענגט די לעבן אין פרנסה און געזוטנט פון דיין אייגענע פרוי און קונדער] וואלט מען אים געזוכט מער ווי גאלד!"

## די גור'ע אינגעלייט אין רמת השרון שילוחים פונעם לב שמחה... אין שאק...

דער גור'ער רבי זצ"ל די לב שמחה פלעגט שיקן זיינע יונגעלייט זאלן ארומפארן פירן שבתים אין פארווארפענע דערפלעך וואו עס האבן געוואוינט דורפישע אידן. זיי פלעגן פראוועגען געהויבענע סעודות פרייטאג צונאכטס און שבת מיטאג און שלש סעודות, און דאס האט שטארק אויפגעהויבן דאס אידישער גייסט אין די דערפער. די איינוואוינער פון די דערפער האבן ארויסגעקוקט אויף די שבתים, און זיי פלעגן אויפנעמען די גור'ע יונגעלייט מיט עקסטאז און שמחה, און זיי האבן צוגעשטעלט פיין צו עסן. דער גור'ער רבי האט זייער געשטיפט די שבתים, און ער האט געמוטיגט זיינע יונגעלייט אז יעדער וואך זאלן עטליכע יונגעלייט ווייל אין אן אנדערער דערפל.

איין פרייטאג זענען ארויסגעפארן א קבוצה פון זעקס יונגעלייט אויף א שבת צום דארף רמת השרון, און זיי האבן זיך געגרייט צו שבת און פארברענגט מיט די קינדער און די בחורים און די משפחות דארטן. במשך'ן שבת האבן זיי גאר שטארק אויפגעהויבן די ארטיגע אידן אז עס איז ממש געווען מעין עולם הבא. די הויכפונקט פונעם שבת איז געווען רעוא דרעוין, און איינע פון די גור'ע יונגעלייט הרב גימפל ביינוש האט געזאגט שלש סעודות תורה, און ער האט אריינגעפלאקערט וועגן חינוך הבנים און וועגן שמירת שבת, און עס איז געווען גאר א גרויסער התעוררות אין בית המדרש. פליצלינג אינמיטן שלש סעודות תורה ברעכט זיך אויף די טיר פון בית המדרש און עס קומען אריין מיט א ווילדקייט צוויי ברייט ביינערדיגע פארשוינען, און זיי גייען צו צו איינע פון די איינוואוינער פונעם דארף, און זיי הייבן אים אן מערדערליך צו שלאגן! דער עולם איז געבליבן פארפרוירן און שאקירט! דער גבאי פון בית המדרש האט געוואלט ראטעווען די מצב, און ער איז ארויף אויף א באנק און פראבירט צו אפשטעלן די צוויי שלעגערס, און ער האט געשריגן אויף זיי "ווער זענט עטץ? פארוואס שלאגט עטץ?" פליצלינג... קומען אריין א מחנה פאליציאנטן און זיי כאפן אן דעם גבאי'ן און דעם מענטש וועמען די פארשוינען האבן געשלאגן און זיי קייטלען זיי און זיי פירן זיי אריין אין זייערע פאליציי אויטא'ס. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די צוויי שלעגערס זענען אויך געווען צוויי פארשטעלטע פאליציי לייט, און זיי האבן די צוויי ארעסטירטע אפגעפירט אין טורמע! אלע זענען אהיים זייער צוקלאפט

און צובראכן פון די מעשה, און עס האט פאר יעדעם זייער וויי געטוהן אז אזא דערהויבענע שבת האט זיך גענדיגט אזוי שרעקעדיג און אומאנגענעם. ר' גימפל איז אריבער צום הויז פון דער גבאי פון בית המדרש און האט אנגעבאטן הילף פאר דער גבאי'ס פרוי, אבער זי האט גענפערט אז זי האט שוין אויפגענומען א גוטע טייערע אדוואקאט און זי דארף יעצט נישט קיין הילף. ר' גימפל האט אנגעצייכנט זיין טעלעפאון נומער אויף א צעטל און איר געזאגט אז אויב זי דארף עפעס הילף קען זי אים רופן. ר' גימפל איז זיך אהיימגעפארן און אינגאנצן פארגעסן פון די מעשה.

ר' גימפל איז געווען א מלמד, און ער האט ערהאלטען א מתנה פון א טאטע פון זיינס א תלמיד א ספר "דרכי פולין אבילות" וואס שילדערט די שווערע צייטן אין פולין. איין טאג האט ער דארט געליינט זייער אן אינטערעסאנטער מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט אין שטעטל גור אין די צייטן פונעם אמרי אמת. די טאכטער פונעם אמרי אמת הרבנית פייגא איז קראנק געווארן, און איר מאן איז געקומען צום שווער דער אמרי אמת פרעגן אויב ער זאל רופן א גרויסער דאקטער פון ווארשע. דער אמרי אמת האט געענטפערט פארן איידעם אז ער זאל רופן דעם דאקטער, און נאך וואס דער איידעם איז ארויס פון צימער האט זיך דער אמרי אמת אנגערופן צו זיין זון "פאר פייגא וועט שוין דער דאקטער נישט העלפן, אבער פאר אן אנדערע איד קען עס נאך העלפן". דער זון פונעם אמרי אמת האט זיך געוואונדערט, ווייל ער האט נישט געהאט געהערט פון א אידישער חולה אין גור וואס קען יעצט ניצן א דאקטער.

יארן שפעטער איז געשען א ביטערע מעשה, די רעגירונג אין פולין האט געכאפט א גור'ער חסיד שווארצן געלט און זיי האבן אין ארעסטירט, און עס האט אים געווארט פאר דעם לאנגע יארן תפיסה ל"ע. די אידישע עסקנים האבן זיך אריינגעלייגט און פראבירט צו העלפן, און זיי האבן געשיקט שתדלנים זאלן שתדל'ען ביים שופט אז ער זאל רחמנות האבן און פארמינערן די שטראף, אבער מיט גרויס רשעות האט צוגעלייגט נאך א יאר טורמע פאר דעם יונגערמאן. עס איז געווען אין יענע תקופה א גרויסער עסקן הרב מאיר בירנבוים ז"ל וואס האט געהאט שטארקע קשרים ביי די הויכע פענסטערס, און מען האט זיך צו אים געווענדן און געבעטן אז ער זאל שתדל'ען ביי דעם שופט אז ער זאל פארמינערן די שטראף פאר דעם גור'ער יונגערמאן. ר' מאיר בירנבוים האט דאס קאטעגאריש אפגעווארפן זאגענדיג אז דער שופט איז א באוויסטער רשע מרושע און א גרויסער שונא ישראל, און ער וועט גארנישט קענען ביי אין פועל'ן און עס איז א שאד אויף זיין צייט צו פראבירן בכלל. דער גור'ער יוגערמאן וואס איז געווען אין פעקל איז אריבער צו זיין רבי'ן דער אמרי אמת און אים דערציילט וואו עס האלט מיט זיין פרשה, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז דער עסקן ר' מאיר בירנבוים קען אפשר עפעס אויפטוהן אבער ער פראבירט זיך ארויסצודרייען מיטן טענה אז ער וועט גארנישט פועלן ביים שופט. דער אמרי אמת האט געשיקט א שליח צום עסקן ר' מאיר בירנבוים און אים געזאגט "האב רחמנות אויף דער יונגערמאן, ער איז א טאטע פאר צעהן קינדער, פאר אריבער קיין ווארשע צום שופט און שתדל ביי אים לטובת דער יונגערמאן, און דו וועסט מצליח זיין!" נאכן ערהאלטן א פערזענליכע בקשה פונעם גור'ער רבי'ן האט ר' מאיר נישט געקענט אפזאגן און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין ווארשע.

ר' מאיר קומט אן קיין ווארשע, און ער האט זיך תיכף געווענדן צום וואוינארט פונעם שופט. ר' מאיר האט אים דערציילט פארוואס ער איז געקומען און פראבירט צו פועל'ן ביי אים ער זאל פארמינערן די שטראף פארן גור'ער יונגערמאן. דער שופט האט מיט רשעות געענטפערט "לכבוד דיין בקשה וועל איך אים צולייגן נאך אפאר יאר אין תפיסה, יעצט גיי דיר אוועק פון דא!" ר' מאיר בירנבוים האט זיך נישט געלאזט און גע'טענה'ט "איך בין א שליח צו דיר פונעם גור'ער רבי'ן, און ער בעט אז דו זאלסט רחמנות האבן אויף דער יונגערמאן, ווייל ער איז א טאטע פון צעהן קינדער!" אזוי ווי דער שופט האט דאס געהערט האט ער געטוישט זיין טאן און געזאגט "הער מיך אויס, מיטן גור'ער רבי האב איך גארנישט איינגעלייגט, אבער פארן גור'ער רבי'ס טאכטער בין איך שולדיג הכרת הטוב, און לכבוד איר וועל באפרייען דעם יוגערמאן פון אלע זיינע אנקלאגעס!" ר' מאיר האט נישט געגלייבט וואס ער הערט און ער פרעגט דעם שופט "וואס האסטו מיטן גור'ער רבי'נס טאכטער?" דער שופט ענטפערט אים "איך פלעג אמאל נישט וואוינען אין ווארשע נאר אין א שטעטל נעבן גור. איינמאל איז מיין פרוי זייער קראנק געווארן, איך האב פראבירט אריבער צו ברענגען א גרויסער דאקטער פון ווארשע זאל איר קומען היילן, אבער דער דאקטער האט נישט געהאלטן ביים קומען. אין די זעלבע תקופה איז אויך קראנק געווארן דער גור'ער רבי'ס טאכטער, און צום גור'ער רבי'ס טאכטער איז דער דאקטער יא געקומען צו פארן, אבער ער האט נישט מצליח געווען אויסצוהיילן דעם גור'ע רבי'ס טאכטער. וויבאלד דער דאקטער איז שוין געווען אין גור, האב איך אים שוין מצליח געווען אריבער צו שלעפן צום דערנעבנדיגער שטעטל און ער האט מצליח געווען אויסצוהיילן מיין פרוי. דערפאר בין איך מכיר טובה דעם גור'ע רבי'ס טאכטער ווייל וועגן איר האט מיין פרוי געהאט צוטריט צו א גוטן דאקטער, און איך וועל באפרייען דעם גור'ער יונגערמאן פון אלע קלאגעס!"

ר' מאיר בירנבוים איז צוריק געפארן קיין גור און איבערדערציילט פארן אמרי אמת און פאר די שטוב מענטשן וואס דער שופט האט אים געזאגט. אלע האבן זיך דערמאנט אין די ווערטער פונעם רבי'ן יארן פריער "פאר פייגא וועט שוין דער דאקטער נישט העלפן, אבער פאר אן אנדערן איד קען עס נאך העלפן", און נאר יעצט האט מען פארשטאנען פשט אין זיינע הייליגע באהאלטענע ווערטער.

ר' גימפל ביינוש ענדיגט ליינען די וואונדערליכע מעשה און פליצלינג.... זיין טעלעפאון צוקלינג זיך. ער הייבט אויף און דער פונעם אנדערן זייט טרייבל געבט זיך אן אלס דער גבאי פונעם בית המדרש אין רמת השרון וועלכע איז ארעסטירט געווארן נישט לאנג צוריק. דער גבאי זאגט אים "עס ווארט מיר א שווערע משפט, און מען קלאגט מיך אן אינעם חטא אז איך האב געשטערט די פאליציי צו ארעסטירן יענעם אנדערן איד וועמען מען האט געשלאגן. איר זענט דאך דערביי געווען ביי די מעשה, איך בעט אייך ר' גימפל קומט צום געריכט און נעמט אייך אן פאר מיר!" ר' גימפל האט זייער נישט געהאט קיין חשק צו טוהן אזא זאך, און בפרט אז ער איז דאך א מלמד און זיין צייט איז אים זייער באגרעניצט, און ער האט אנגעהויבן זאגן אז ער קען נישט קומען אין געריכט. דער גבאי האט זיך זייער צעוויינט און זיך געבעטן "ר' גימפל! איך האב א משפחה פון צעהן קינדער! האב רחמנות און קום מיך

העלפן, איך בין זיכער דו וועסט מצליח זיין!" ווי נאר ר' גימפל האט געהערט די ווערטער "א משפחה מיט צעהן קינדער, דו וועסט מצליח זיין" האט ער זיך דערמאנט פון אט די זעלבע ווערטער וואס ער האט נארוואס גענדיגט ליינען פונעם אמרי אמת! ער האט דאס אנגענומען אלס א סימן מן השמים אז דאס איז טאקע זיין שליחות און ער וועט אין דעם שליחות מצליח זיין! ער האט געענפערט פארן גבאי'ן "יא! איך וועל קומען אין געריכט זיך אננעמען פאר דיר!"

עס איז אנגעקומען די טאג פונעם גבאי'נס געריכט, און ר' גימפל איז אריבערגעפארן צום געריכט הויז צו אויפטרעטן לטובת דעם גבאי'ן. ווען די געריכט סעסיע האט זיך אנגעהויבן האט די קטיגור זייער שארף אראפגעלייגט וואספארא זינד דער גבאי האט געטוהן אז ער האט געשטערט די פאליציי פון צו אויספירן אן ארעסט באפעל, און ער האט געפאדערט אז מען זאל דעם גבאי'ן זייער הארב באשטראפן!

דער שופט רופט אויס און פרעגט "ווער וויל עפעס זאגן לטובת דעם אנגעקלאגטער?" ר' גימפל האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט "כבוד השופט! איך בין דערביי געווען ווען די מעשה איז געשעהן, איך האב מיט מיינע אויגן געזעהן אז די פאליציי זענען אריינגעקומען ארעסטירן יענעם מיט ציווילע קליידער און נישט מיט קיין פאליצייאישע מונדורן. דער גבאי האט געמיינט פונקט ווי אלע אנוועזנדע אז די צוויי זענען סתם צוויי באנדיטן שלעגערס, און ער האט נישט געוואוסט אז דאס זענען פאליציי, און דערפאר האט ער זיי פראבירט צו שטערן פון צו שלאגן יענעם! ער האט בכלל נישט געוואוסט אז זיי זענען פאליציי אפיצירן. אויסער דעם איז ער דער גבאי פון שול און ער טוט אסאך גוטס מיט אנדערע מענטשן און דערפאר האט ער יענעם אויך געוואלט שוצן פון די שלעגערס, און עס קומט זיך אים נישט באשטראפט צו ווערן!" דער שופט האט חוקר געווען די פאליציי און זיי האבן אויך מודה געווען אז מען איז יענעם געקומען ארעסטירן אין ציווילע קליידונג און נישט מיט קיין פאליצייאישע מונדורן. דער שופט האט אנגענומען ר' גימפל'ס טענה און ער האט באפרייט דעם גבאי'ן פון אלע קלאגעס!

מען זעהט פון די מעשה אז איין חסד ברענגט דאס אנדערע חסד. דער אמרי אמת האט געזאגט אז "פאר פייגא וועט שוין דער דאקטער נישט העלפן, אבער אפשר וועט עס העלפן פאר א צווייטן איד". נישט נאר וואס דאס האט געהאלפן יענעם גור'ער יונגערמאן אין פולין דארטן, נאר אפילו דרייסיג פערציג יאר שפעטער האט די מעשה ווייטער געהאלפן נאך א איד ווען ר' גימפל ביינוש איז נאכן איבערגענומען ווערן פון די מעשה געווען דער שליח צו העלפן דעם גבאי'ן.

# איך וויל יא זיין אויפן באשעפער'ס צעטל

## האט דער הייליגער ראדעשיצער געזאגט פארן ארימאן, איך קום שוין מיט אייך נאך געלט

### דער הייליגער באדיטשובער שרייבט פארכטיגע ווערטער אין די הייליגע קדושות אויף פורים, וואס עס טוט זיך אפ אין הימל ווען א איד גיבט צדקה

דער הייליגער קדושת לוי אין די קדושות אויף פורים רעדט ארום בענין געבן מתנות לאביונים, און ער איז מסביר בכללות די חשיבות פון געבן צדקה מיט א שמחה, און בפרט פורים איז נאך שטערקער ווי א גאנץ יאר. ווייל ווען א איד געבט צדקה פאר א עני איז זיך אין אים מתלבש די מדת החסד ווייל ער טוט חסד מיטן עני, און דורך דעם איז ער ממשיך אז דער אויבערשטער זאל זיך אויך מתלבש זיין מיטן מדת החסד. דורך די חסד אין וועלכע השי"ת איז זיך מתלבש איז ער משפיע פאר אלע שרפים און פאר אלע אופנים און פאר אלע היכלות און עולמות און נשמות א שפע רב און א ששון ושמחה פאר די וועלט און פאר אלע וועלטן, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא "כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים". וואויל איז פאר דער מענטש וואס ער דינט דעם אויבערשטער מיט מצוות צדקה, און ער איז חס אויפן עני, און דורך די שמחה מיט וועלכע ער איז משמח די עני און זיין פרוי און קינדער איז ער גורם א ששון ושמחה און א חסד ורחמים פאר אלע עולמות. און דער קדושת לוי פירט אויס, אז ווען אזא נשמה קומט ארויף אין הימל טוען אלע מלאכים אים ארומנעמען און קושן, ווייל די נשמה האט גורם געווען אזא גרויסער שמחה אין הימל. די מלאכים רופן אויס "הבו יקרא לדיוקנא דפלניא דעביד רעותא דמרא" וואס ער האט געגעבן מתנות לאביונים.

די תמצית פון זיינע לענגערע הייליגע ווערטער איז אז דורך מצוות צדקה און מתנות לאביונים און דורך רחמנות האבן אויף אביונים איז מען ממשיך מידת החסד אין הימל, און דאס קומט צוריק פון הימל אויפן מענטש אז פון הימל זאל מען רחמנות האבן אויף אים!

### דער הייליגער ראדישיצער זי"ע גייט שוין צום דריטן מאל ארים היינט אין שטאט נאך געלט

עס איז כדי צו באטאנען, אז איינע פון די וועגן ווי אזוי רחמנות צו האבן און ארויסהעלפן א עני איז דורך ארומגיין מיט אים נאך געלט.

דער הייליגער ראדישיצער זי"ע האט זיך אויסגעצייכנט אין די מצוה, און ער פלעגט אליין ארומגיין מיט משולחים נאך געלט ביי די הייזער, און אסאך מאל האט ער געקענט ארומגיין אפילו צוויי דריי מאל א טאג מיט אפאר עניים וואס האבן זיך צו אים געוואנדן און געבעטן ארומצוגיין מיט זיי. דאס איז געווען ממש מעשים שבכל יום, עד כדי כך אז עס זענען געווען געוויסע מענטשן וואס האבן אים שוין ארויסגעווארפן פון זייערע הייזער.... ווייל עס איז זיי שוין געקראכן אויף די נערוון אז ער קומט אזוי פיל מאל א טאג! איינמאל איז געקומען צו אים א עני, און אים געבעטן אז ער זאל מיט אים ארומגיין נאך געלט ביי די שטאטישע הייזער. דער ראדישיצער האט זיך זייער אנטשולדיגט און געזאגט "איך וועל נישט קענען היינט גיין מיט אייך נאך געלט, ווייל איך בין שוין היינט ארומגעגאנגען דריי מאל צו אלע הייזער מיט פארשידענע עניים. אויב וועל איך גיין א פערטע מאל וועט דאס שוין זיין ארויס

פון יעדן גבול.... און די שטאטישע מענטשן וועלן זיך זייער אויפרעגן אויף מיר". דער עני האט אויף דעם געענטפערט "אויב אזוי זענט איר נישט אויפן אויבערשטער'ס צעטל!" דער ראדישיצער זי"ע האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט און געפרעגט "וואס מיינט איר צו זאגן?" דער עני האט געענטפערט "דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האט געזאגט אז דער הייליגער באשעפער רופט אויס אויף יעדן שטאט ווער עס זאל גיין מיט די משולחים נאך געלט. אויב גייסטו נישט מיט מיר נאך געלט איז א סימן אז דיין נאמען האט מען נישט אויסגערופן אין הימל!" אזוי ווי דער ראדישיצער זי"ע האט דאס געהערט האט ער געזאגט "איך וויל יא זיין אויפן אויבערשטער'ס צעטל, און איך קום שוין ארום נאך געלט מיט אייך!"

ער גייט ארים מיטן ארימאן אין פונביז'ער ישיבה, אין שוין ביינאכט באצאלט מען פון הימל

## אין פונביז'ער ישיבה

אין פונביז'ער ישיבה איז געשען א מורא'דיגער מעשה: אן ארימאן איז אריינגעקומען אין ישיבה נאך געלט, און איז צוגעגאנגען צום כולל פונביז' וואו עס זיצן יונגעלייט און הארעווען יארן לאנג און לערנען בהתמדה רבה און ער קוקט זיך ארום אויף די יונגלייט. ער שטייט און קוקט און קוקט, ביז זיינע אויגן זענען געפאלן אויף איינע פון די חשוב'סטע יונגעלייט - א שטיקל שואל ומשיב - און ער ווענדט זיך צו יענעם יונגערמאן און ער בעט אים ארומצוגיין מיט אים נאך געלט פאר א האלבע שעה. דער יונגערמאן האט זייער נישט געהאט קיין חשק דערצו, סיי ווייל עס איז אים זייער שווער געווען אוועקצוגעבן א האלבע שעה פון זיין לימוד התורה, און סיי ווייל ער האט דאס נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געטוהן. ער האט אבער נישט געהאט די הארץ אפצוזאגן דעם ארימאן וואס האט אויסגעזען זייער פארשעמט און פארלוירן, און ער האט באשלאסן אים נישט אפצוזאגן. ער איז מיטגעגאנגען מיטן ארימאן נאך געלט אינעם גאנצן כולל, און וויבאלד די כולל יונגעלייט האבן געזען אט דער חשוב'ער יונגערמאן גייט מיט מיט אים האבן זיי געגעבן שענערע נתינות פארן ארימאן. נאך א האלבע שעה איז דער ארימאן אוועקגעגאנגען, און ער האט זיך צוריק געזעצט לערנען און ער האט אינגאנצן פארגעסן פון די מעשה.

אווענט צייט נאכן כולל קומט דער יונגערמאן אהיים, און ער זעהט זיין קליינער יונגל שפילט זיך אין איינע פון די צימערן און דער קינד האט פארשלעפט און פאררוקט די טיש און בענקלעך אין יענעם צימער. עס האט אים געוואונדערט וואס האט עפעס אנגעכאפט זיין קינד אז ער שוין נישט געטראפן קיין בעסערע שפיל ווי איידער רוקן א טיש מיט בענקלעך, אבער גיי פרעג קושיות אויף א קליין קינד.... ער גייט אריין אינעם אנדערן צימער און פליצלינג הערט ער "טראך!!!" ער קומט צוריק צו לויפן צום צימער וואו דער קינד האט זיך געשפילט און עס ווערט אים שווארץ פאר די אויגן! א שווערע שאפע איז אראפגעפאלן ממש דארטן וואו זיין קינד האט געשפילט פאר א האלבע מינוט צוריק! ער קומט צו נענטער זעהט ער א פלא פון א זאך! די שאפע ווערט אפגעהאלטן פון אראפצופאלן אויף זיין קינד ווייל די פאררוקטער טיש און בענקלעך שטערן דעם שאפע פון פאלן דארט וואו זי וואלט נאטורלעך געדארפט פאלן ווען די טיש און בענקלעך זענען ווען אויפן ריכטיגן פלאץ! בניסי ניסים האט דער אויבערשטער געפירט אז זיין קינד האט פארשלעפט די טיש און בענקלעך, און דורך דעם איז פארמיטן געווארן א טראגעדיע ל"ע!

ער האט זיך באלד דערמאנט פון די חסד וואס ער האט היינט געטוהן אין כולל מיטן עני, און ער האט זיך דערמאנט אז דער מהרש"א זאגט אין מסכת ברכות אז חסד און צדקה איז ממש אזוי ווי שוחד פאר דעם אויבערשטער! און בזכות וואס ער האט געטוהן צדקה און חסד האט דער אויבערשטער געטוהן מיט אים חסד און געראטעוועט זיין קינד!

# מיין קינד לעבט און קומט אהיים פון שפיטאל

### פארציילט דער איש ה'אמן' הרה"ח ר' מאיר גרינוואלד שליט"א

## אמן יהא שמיה רבא

טייערע אידען! איך וויל היינט ווייטער רעדן בענין ענטפערן אמן יהא שמה רבא. עס איז דא א ספר "היכלות" וואס לייגט אראפ ווי אזוי עס קוקן אויס די היכלות אין הימל. ער זאגט אז עס איז דא זיבן היכלות, די צווייטער היכל איז נעבן די מערה פון די אבות, און דארטן געפונען זיך אידן וואס האבן געליטן יסורים און צרות אויף די וועלט כדי זיי זאלן צוקומען צו א תיקון, אבער טראץ זייערע יסורים האבן זיי געלויבט השי"ת יעדן טאג און נישט מבטל געווען זייער תפילה. אויך געפונען זיך אין דעם היכל די אידן וואס האבן מקדש געווען דעם אייבישטער מיט זייער גאנצער כח און געענטפערט אמן יהא שמה רבא מיטן גאנצן כח. העכער דעם היכל געפונט זיך משיח, און משיח קומט אראפ צו זיי זיך צו געפונען ציווישן זיי.

## וואס האט מרדכי אויסגעלערנט אסתר גלייך ווען זי האט אנגעהויבן רעדן?

דער ילקוט מעם לועז זאגט, "ויהי אומן את הדסה" אסתר המלכה איז געווען א ניכטע (ני"ס) פון מרדכי הצדיק, און ער האט איר מגדל געווען ווייל זי איז געווען א יתומה. באלד ווען זי האט אנגעהויבן רעדן האט ער איר אויסגעלערנט צו זאגן אמן, ווייל עס ליגט א חיוב אויף א טאטע און א מאמע צו אויסלערנען די קינדער צו ענטפערן אמן פון קליינוויז אן! און בזכות דעם איז מען זוכה אויפצושטיין צו תחיית המתים. דאס איז מרומז "ויהי אמן את הדסה" אומן שטייט אהן א ו, מרמז צו זיין אז מרדכי האט איר אויסגעלערנט צו ענטפערן אמן.

עס שטייט אין ילקוט הראובני אויף די אות פון אמן, ער ברענגט א מדרש אז דער גרויסער מלאך סנדלפון איז ממונה צו מאכן א כתר פאר השי"ת און ער איז קושר קשרים פאר השי"ת. פון וואס מאכט ער די כתרים פאר השי"ת? פון קדיש און ברכו און אמן יהא שמה רבא וואס

אידן זאגן פארן אייבישטער! פון דעם מאכט ער א קרוין פאר השי"ת! און דער סנדלפון הייבט אויף דער כתר דורכן שם המפורש און אזוי טוט ער דאס אהן אויפן קאפ פון השי"ת!

## איש ה'אמן' הרה"ח מאיר גרינוואלד שליט"א פארציילט א מעשה וואס איז פאגעקומען אין שפיטאל

עס איז דא א צדיק פון א איד הרה"ח מאיר גרינוואלד שליט"א וואס שוין יארן לאנג פארט ער ארום אויף די וועלט מעורר צו זיין אידן אין די גרויסקייט פון ענטפערן אמן יהא שמה רבא און אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען.

הרה"ח מאיר גרינוואלד שליט"א דערציילט: איינמאל ערב שבת שפעט נאכמיטאג איז מיינס א טאכטער צוזאמענגעפאלן ל"ע, און זי האט פארלוירן איר באוואוסטזיין. איך האב באלד גערופן הצלה און עס זענען אנגעקומען אפאר הצלה מעמבערס און א פערעמעדיק, זיי האבן געארבעט אויף איר און ברוך השם זיי האבן איר צוריקגעברענגט צום באוואוסטזיין. זיי האבן מיך געזאגט אז עס זעהט אויס אז עס איז ממש קליינקייטן און דאס קומט צוליב אויסגעטריקנטקייט (דיהיידרעישען), אבער אויס פארזיכטיקייט מוז מען איר אריינעמען אין שפיטאל פאר אינטערזיכונגען. בלית ברירה האב איך מיך שנעל איינגעפאקט אביסל זאכן וואס איך וועל דארפן פאר שבת און מאכלי שבת, און מיר זענען אריינגעפארן צו וויילן אויף שבת אין שפיטאל.

מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל, און מען האט אנגעהויבן מאכן טעסטס פאר מיין טאכטער. ברוך השם נאך א קורצע צייט האט מען מיך איינגעמאלדן אז מיין טאכטער זעהט אויס צו זיין אין בעסטן ארדענונג, און לכאורה איז זי צוזאמענגעפאלן נאר פון אויסגעטריקנטקייט. מען האט אונז פאראָרדענט צו פארבלייבן אויף שבת אין שפיטאל כדי איר צו קענען נאכקוקן פיר אין צוואנציג שעה צו פארזיכערן אז אלעס איז אין ארדענונג, און אז אויב אלעס זעהט אויס גוט וועלן מיר באלד מוצאי שבת קענען אהיימגיין. מיט א רואיג הארץ האב איך מיך געשטעלט דאווענען מנחה און קבלת שבת און איך האב געפראוועט מיט איר א געהויבענע סעודת שבת אין שפיטאל, און זי האט זיך אזוי גוט געשפירט אז זי איז געהעריג געזעצן אויפן בענקל און ניטאמאל געוואלט ליגן אינעם שפיטאל בעטל. שבת אינדערפרי' האב איך געלאזט מיין טאכטער פארברענגען מיט אנדערע קינדער דארטן אין שפיטאל, און איך בין ארויפגעגאנגען צום בית המדרש פונעם שפיטאל צו דאווענען תפילת שחרית. איך קום אן אין בית המדרש און איך טרעף א איד ר' יצחק וואס וואוינט אין שטאט ביתר, און ער דרייט זיך ארום מיט זייער א פארזארגטע און דערשראקענע געזיכט. איך פרעגט דעם ר' יצחק "וואס גייט פאר?"

ר' יצחק דערציילט מיר: פאר צוויי וואכן צוריק האט מיין יונגל באקומען אביסל פיבער, און איך האב אים געגעבן אנטיביאטיק. נאך אפאר טעג איז זיין מצב ערגער געווארן און מען האט אים געגעבן שטערקערע אנטיביאטיק, אבער עס האט גארנישט געהאלפן און זיין מצב איז נאר געווארן ערגער און ערגער. נאך אפאר טעג איז אים אזוי שלעכט געווארן אז ער האט שוין נישט געקענט רירן די האלז, ביז ער האט כמעט אינגאנצן אויפגעהערט צו אטעמען רח"ל. מען האט אים אריינגעברענגט אין שפיטאל, און מען האט אים געגעבן זויערשטאף (אקסידזשען), און די דאקטוירים האבן אים אינטערזיכט און באשטעטיגט אז ער האט עפעס זייער א שטארקע דזשער"ם וואס דאס איז פאראנטווארטליך אויף זיין מצב. מיין זון ליגט שוין אפאר טעג אין אזא שווערע מצב און ער קען נישט אטעמען, און איך ווייס נישט וואס וועט זיך מיט אים אויסלאזן!

ר' מאיר דערציילט ווייטער: איך בין זייער איבערגענומען געווארן פון ר' יצחק'ס שווערע מצב, און איך האב אים אנגעהויבן דערציילן וואס איך טו, און אז איך פאר ארום אין די וועלט מעורר זיין אידן וועגן די גרויסקייט פון אמן יהא שמה רבא, און איבער די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען. און איך האב אים דערציילט אז איך בין נארוואס צוריק געקומען פון א נסיעה קיין לאנדאן ווי איך האב מעורר געווען אידן אין די ענינים, און איך האב אים איבערגעזאגט אפאר מאמרי חז"ל אין די ענינים וואס איך האב דארטן נאכגעזאגט. ר' יצחק איז זייער איבערגענומען געווארן און נתעורר געווארן נאכן הערן פון מיר אפאר מאמרי חז"ל איבער דעם ענין, ובפרט אז חז"ל זאגן אז אמן יהא שמה רבא איז מבטל גזירות רעות. ער האט מיך געזאגט אז ער איז זיך מקבל פון היינט און ווייטער אז ער וועט זייער מקפיד זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אז ער וועט ענטפערן אמן יהא שמה רבא בכוונה און בקול רם לזכות לרפואה שלימה פאר זיין זון. אבער ר' יצחק האט זיך נישט אפגעשטעלט ביי זיין קבלה, נאר מוצאי שבת האט ער אנגערופן אויפן טעלעפאון דעם גבאי פון זיין בית המדרש וואו ער דאווענט אין ביתר, און זיי האבן אפגעשמועסט אז זונטאג נאכט וועל איך קומען רעדן א דרשה בענין נישט רעדן ביים דאווענען און בגדלות אמירת אמן יהא שמה רבא לזכות לרפואה שלימה פאר זיין זון.

ברוך השם אז מוצאי שבת בין איך טאקע אהיימגעפארן מיט מיין טאכטער פון שפיטאל, און זי איז ברוך השם געווען אין בעסטן ארדענונג. זינטאג ביינאכט בין איך אריבערגעפארן קיין ביתר צום בית המדרש וואו ר' יצחק דאווענט און איך האב געהאלטן א לענגערע דרשת התעוררות בענין נישט רעדן ביים דאווענען און בגדלות עניית אמן יהא שמה רבא. דער דרשה האט זייער אנגעווארעמט דעם עולם, און אסאך אידן דארטן האבן זיך אינטערגענומען גוטע קבלות אין די ענינים.

עס איז אריבער פון די מעשה צוויי וואכן, און איך באקום א טעלעפאן פון דער ר' יצחק, און ער דערציילט מיר: איר ווייסט נישט וואס איר האט אנגעמאכט! צומארגענס פון אייער דרשה אין מיין בית המדרש אין ביתר מאנטאג ביינאכט בין איך אנגעקומען אין שפיטאל איבערצונעמען מיין פרוי און צו וויילן מיטן קינד איבערנאכט. ווי נאר איך קום אריין זע איך אז מיין פרוי איז זייער גוט אויפגעלייגט. איך פרעג איר "וואס גייט פאר?" זי ענטפערט מיר "איך ווייס נישט וואס איז פשט פון דעם, אבער נעכטן ביינאכט האט זיך אונזער קינד'ס מצב פליצלינג געגעבן א טויש צום גוטן. עד כדי כך אז היינט האבן די דאקטורים שוואכער געמאכט דעם אקסעדזישן לעוועל, און זיי קענען נישט פארשטיין ווי אזוי דאס האט געקענט פאסירן אז דאס קינד האט זיך אזוי' פארבעסערט, ווייל ער איז דאך אנגעשטעקט מיט גאר גאר א שטארקע דזשערם!" איך האב אבער יא פארשטאנען פארוואס זאכן האבן זיך געטוישט צום גוטן, און איך האב פארציילט פאר מיין פרוי דברים כהוייתן. און ברוך השם היינט צוויי וואכן נאך אייער דרשה איז שוין מיין זון באפרייט פון שפיטאל און ער גייט שוין אן מיטן געהעריגן סדר היום געזונט און

שטארק! איך קען אייך נישט געגוג דאנקן אויף אייער דרשת התעוררות, און איך בין זיכער אז בזכות דעם האט מיין זון געהאט א רפואה!

ר' מאיר גרינוואלד שליט"א פירט אויס די מעשה: נאכן הערן די גוטע בשורה פון ר' יצחק האב איך שוין פארשטאנען פארוואס דער אייבישטער האט אזוי געפירט אז מיין טאכטער זאל צוזאמענפאלן און מוזן אריינגעפירט ווערן אין שפיטאל. פאר צוויי טעמים, איינס כדי צו זיין דער שליח צו ברענגען א רפואה פאר ר' יצחק'ס זון, און צוויי כדי צו קענען מעורר זיין נאך א בית המדרש בענין נישט רעדן ביים דאווענען און בגדלות אמירת אמן יהא שמה רבא!

# צו וועם איז אנגעקומען די 10 מיליאן דולר ירושה

## וואס דער אמערעקאנער עושר האט איבערגעלאזט

טייערע אידן! איך וויל היינט ווייטער רעדן בענין די גרויסקייט פון קדיש און ענטפערן אמן יהא שמה רבא!

דער הייליגער רוקח ברענגט א מדרש, דער מדרש זאגט אז ווען אידן זאגן אמן יהא שמה רבא, זאגט השי"ת "ווען וועל איך שוין צוזאמענעמען די אידן פון צווישן די גוים"

### וואס זאגט דבורה הנביאה

עס שטייט אין תנא דבי אליהו, אז דבורה הנביאה האט געזאגט נביאות פאר כלל ישראל, אז מיט די אידן וואס האבן גענטפערט אמן יהא שמה רבא וועט דער אייבישטער נקמה נעמען אין די אומות העולם.

דער מדרש ברענגט אז רב אבא בר כהנא האט געזאגט, עס זענען נישט געווען קיין גרעסערע פילוזופן אויף די וועלט ווי בלעם בן בעור און אבנימות הגרדי. די גוים זענען זיך צוזאמען געקומען צו אבנימות הגרדי און אים געפרעגט "קענען מיר בייקומען דעם אידישן פאלק?" ער האט זיי געענפערט "גייט קוקט זיך אום אין זייערע בתי כנסיות ובתי מדרשות, אויב וועט איר דארטן טרעפן תינוקות של בית רבן קוויטשקענען מיט זייערע קולות וועט איר זיי נישט קענען בייקומען. ווייל זייער טאטע האט זיי צוגעזאגט "הקול קול יעקב" אז ווען אין בית המדרש וועט זיך הערן דעם קול יעקב וועלן די ידי עשו נישט האבן אויף זיי קיין שליטה, און די גוים וועלן זיי נישט קענען קיין שלעכטס טוהן!

דער שומר אמונים זאגט אויף דער מדרש אז "תינוקות מצפצפים בקולם" איז פשט אז מען הערט אמן יהא שמה רבא. די הבל פיהם פון תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא איז ביי השי"ת זייער טייער און דאס איז מגין אויף אידן.

דער מדרש אגדה אויף בראשית ברענגט אויפן פסוק אין שיר השירים "ומדבריך נוה", אז דאס גייט ארויף אויף עמי הארצים וואס קענען נישט קיין מקרא און נישט קיין משנה, און זיי זענען אזוי ווי א מדבר וואס האט נישט קיין פירות. אבער ווען זיי גייען אריין אין בית המדרש און זיי הערן ווי מען זאגט ברכת יוצר המאורות און ברכת מחיה המתים און זיי ענטפערן "אמן", פאר דעם אליין אז זיי גלייבן אז השי"ת איז מחיה מתים און ער האט באשאפן די וועלט באקומען זיי שכר. ווייל דורך דעם וואס זיי ענטפערן אמן ווייזן זיי אז זיי גלייבן אין דעם.

### הרה"ג גמליאל רבינוביץ שליט"א דערציילט פון דער אמערעקאנער עושר וואס האט איבערגעלאזט 10 מיליאן דולר ירושה

הרה"ג גמליאל רבינוביץ שליט"א דערציילט: אין איינע פון די אמעריקאנע שטאטן האט געוואוינט א איד אן עושר, און ווען ער איז נפטר געווארן האט ער איבערגעלאזט א ירושה פון צעהן מיליאן דאללער. ער האט געהאט א בן יחיד וואס איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצות, און א בת יחידה. ער האט געלאזט צוואה אז ער צוטיילט זיין ירושה פאר די קינדער האלב אויף האלב, פינף מיליאן פארן זוהן און פינף מיליאן פארן טאכטער. אבער אויב וועט דער נישט פרומער זוהן זאגן קדיש במשך'ן יאר ביי אלע דריי תפילות וועט ער באקומען אכט מיליאן דאללער, און די טאכטער וועט באקומען צוויי מיליאן דאללער. ער האט אויך געשריבן א געזעצליכע צוואה גע'חתמ'עט ביי אן אדוואקאט, כדי אז די צוואה זאל האבן א געזעצליכער כח און מען זאל נישט קענען ארומשפילן דערמיט.... און ער האט מפקיד געווען דאס געלט ביים אדוואקאט אז ער זאל צוטיילן דאס געלט לויט די צוואה.

ווען דער זוהן האט געזעהן די צוואה, האט זיין תאוות הממון אנגעהויבן צו פלאקערן... און טראץ וואס ער האט גאנץ ווייניג געדולד געהאט צו זיין משועבד יעדן טאג דריי מאל אין טאג צו זאגן קדישים, אבער פאר דריי מיליאן דאללער איז ער גרייט געווען פאר דעם. אין די געגנט ווי ער האט געוואוינט איז געווען נאר איין קליינער שול וואס האט געהאט נאר איין מנין פון יעדן תפילה. פון ווען די שבעה פונעם טאטן האט זיך געענדיגט האט ער זיך שטרענג קובע געווען צו זיין אנוועזנד ביי אלע דריי תפילות און ער האט געזאגט קדיש, און ער האט נישט פארפעלט קיין איין תפילה. שחרית איז אים געווען זייער לאנגווייליג און שווער, אבער מנחה מעריב איז אים גרינגער געווען. דער רב פונעם בית המדרש פלעגט פארלערנען א שיעור צווישן מנחה און מעריב, און ממילא איז ער דעמאלס ארויסגעגאנגען זיך אויסלופטערן פון די שווערע ארבעט... און צו מעריב פלעגט אים דער רב קומען צוריק אריינרופן פאר קדיש.

די שוועסטער איז אויך נישט געווען קיין בטלן... און איר תאוות הממון האט נאך גארבעט אזוי גוט ווי איר ברודער'ס... זי האט גוט געקענט איר ברודער, און זי האט געוואוסט פונקטליך וויפיל געדולד ער האט צו גיין אין שול זאגן קדיש. עס האט איר בכלל נישט געשמעקט צו מוותר זיין אויף דריי מיליאן דאללער, און זי איז געווען כמעט זיכער אז איר ברודער וועט נישט קענען באוויזן צו ערשיינען יעדן טאג צו אלע דריי תפילות. זי האט באצאלט אן אינוועסטיגעיטע"ר גרויסער

געלטער אז ער זאל נאכקוקן איר ברודער, און ברענגען קלארע באווייזן אז ער קומט נישט אן צו אלע דריי תפילות יעדן טאג אין שול. זי האט אים צוגעזאגט א ספעציעלע גרויסער געלט באלוינונג אויב ער ברענגט קלארע באווייז אז דער ברודער ערשיינט נישט אין שול דריי מאל אין טאג. דער אינוועסטיגעיטער האט געטוהן זיין ארבעט בנאמנות און גוט שפיאנירט נאכן ברודער, און ער האט געזעהן אז דער ברודער קומט אן יעדן טאג דריי מאל אין טאג אן קיין מעשיות און אן קיין חכמות! אבער ער האט אין אכט גענומען אז צו מעריב רופט אים שוין דער רב אריין, און ער גייט נישט מרצון עצמו.... דער אינוועסטיגעיטער האט דא געטראפן א מיטל צו באקומען זיין צוגעזאגטע באלוינונג.... ער האט זיך געווענדן צום רב און אים פארגעשלאגן "איר זעהט דאך א דער פויגל האלט נישט ביים זאגן קדיש נאר ער קומט געצוואונגענערהייט ווייל ער וויל פארדינען נאך דריי מיליאן דאללער פון זיין טאטן'ס ירושה. פארוואס דארפט איר אים אריינרופן צו זאגן קדיש ביי מעריב? לאזט אים גיין זיין וועג, און איך וועל אייך געבן א גרויסער סכום געלט פאר אייער ישיבה!" דער רב האט דאס קאטעגאריש אפגעווארפן און בשום אופן נישט מסכים געווען, און גע'טענה'ט "וואס איז זיין טאטע'ס נשמה שולדיג? זיין טאטע'ס נשמה דארף וויכטיג האבן יעדן קדיש, און עס איז נישט יושר אז מיין ישיבה זאל פארדינען אויפן חשבון פון די קדישים פאר זיין טאטן'ס נשמה!" דער רב האט איבערגעשמועסט דעם ענין מיט א גדול בישראל, און יענער האט אים אויך מדריך געווען אז מען מוז אים העלפן זאגן קדיש לטובת זיין טאטן'ס נשמה אפילו אז ער טוט דאס בלויז פאר די געלט.

עס איז אריבער א שטיק צייט, און יעדן טאג קומט דער רב אריינרופן דעם בן יחיד צו זאגן קדיש ביי מעריב, און מיט די צייט איז דער פרייער יונג געווארן היימיש מיטן רב. איין טאג פרעגט ער דעם רב "ווי אזוי קען זיין אז טאג איין טאג אויס קומט איר מיך אריינרופן צו קדיש ביי מעריב? איך בין דאך אזוי מזלזל אין אייך! איך דאווען נישט מיט ביי די תפילות, איך זאג בלויז קדיש, און ווען איר זאגט דעם שיעור ציווישן מנחה און מעריב גיי איך ארויס און איך הער אייך נישט אויס. ווי אזוי קען זיין אז דאס שטערט אייך נישט?" דער רב האט אים געענטפערט "זיכער שטערט דאס מיר! איך בין א מענטש און איך האב געפיהלן און ווען מען איז אין מיר מזלזל שטערט דאס מיר! אבער דיין התנהגות האט נישט קיין שייכות מיט דיין קדיש זאגן! איך ווער טאקע נפגע פון דיין התנהגות, אבער איך רוף דיר ווייטער אריין צו זאגן קדיש לטובת דיין טאטן'ס נשמה וואס דארף דאס אזוי וויכטיג האבן!" דער יונג איז אזוי איבערגענומען געווארן פונעם רב'ס אויפריכטיגקייט און גלייכקייט אזש ער האט זיך צעוויינט פאר התרגשות, און פון יענעם טאג און ווייטער האט ער אנגעהויבן מיטצוהאלטן דאס דאווענען און ער איז געבליבן אויסהערן דעם שיעור יעדן טאג ציווישן מנחה און מעריב! אויף א מענטש וואס לערנט יעדן טאג תורה זאגן חז"ל אז המאור שבה יחזירנה למוטב, און איבעריג צו שילדערן אז נאך א קורצע תקופה דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין און הערן א שיעור יעדער נאכט איז ער געווארן א בעל תשובה און א שומר תורה ומצוות למהדרין!

די עלף חדשים האבן זיך געענדיגט, און בשכר וואס ער האט איינגעהאלטן דעם תנאי האט ער ערהאלטן פונעם אדוואקאט די שווער אויסגעהארעוועטע אכט מיליאן דאללער! אבער ער איז שוין פארבליבן אין בית המדרש ביי אלע דריי תפילות אפילו נאכן ערהאלטן דאס געלט!

דער יאר האט זיך געענדיגט און די משפחה איז זיך צוזאמענגעקומען צו די ערשטע יארצייט סעודה. אינמיטן דעם סעודה האט זיך דער שוועסטער אויפגעשטעלט און אנגעהויבן אויסרומען דעם ברודער דער בעל תשובה, און זי האט ברבים דערציילט אז זי האט נישט געוואלט דערלייגן דריי מיליאן דאללער, וממילא האט זי געדינגען אן אינוועסטיגעיטער זאל נאכקוקן דעם ברודער און ברענגען באווייז אז ער האלט זיך נישט צום תנאי און ער זאגט נישט קיין קדיש. אבער דער ברודער איז געווען שטארק ביי זיינס און נישט פארפעלט קיין איין קדיש במשך די גאנצע עלף חדשים. זי האט אויך דערציילט די מעשה אז דער אינוועסטיגעיטער האט אנגעטראגן געלט פארן רב אז ער זאל אויפהערן אריינצושלעפן דעם ברודער צו קדיש ביי מעריב, און דער רב האט אפגעזאגט דאס געלט און אים ווייטער אריינגערופן צו קדיש ווייל די טובת הנשמה פונעם טאטן איז אים וויכטיגער געווען ווי דאס געלט! ווען דער ברודער האט געהערט די מעשה מיטן רב און דער אינוועסטיגעיטער איז ער מורא'דיג נתרגש געווארן און נישט געקענט געענוג באוואונדערן דעם רב'ס ישרות און ערליכקייט, און אז האט נישט פארקויפט די קדישים פון א פרעמדן מענטש'ס נשמה פאר אפאר דאללער. דער ברודער האט אפגעשיידט מעשר פון די אכט מיליאן דאללער א סך הכל פון אכט הונדערט טויזענט דאללער, און ער האט דאס געגעבן פארן רב'ס מוסדות אלס שכר פאר זיין ישרות און ערליכקייט!

## אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כחו קורעים לו גזר דינו!

טייערע אידן! איך וויל היינט ווייטער רעדן בענין אמירת אמן יהא שמה רבא. די גמרא זאגט אין מסכת שבת, אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמה רבא בכל כחו קורעים לו גזר דינו! די גמרא ברענגט פון רב חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, אז אויב א מענטש ענטפערט אמן יהא שמה רבא בכל כחו, איז אפילו אויב האט ער א שמץ פון עבודה זרה איז מען אים מוחל! ריש לקיש זאגט אז אויב איינער ענפערט אמן בכל כחו עפנט מען אים די שערי גן עדן, אזוי ווי עס שטייט "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים" אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן, און אמן איז ראשי תיבות א-ל מלך נאמן.

## ווי אזוי וועלן ד פושעי ישראל ארויס פון גיהנום לעתיד לבא

עס שטייט אין תנא דבי אליהו זוטא פרק כ': לעתיד לבא וועט השי"ת נעמען די תורה און ער וועט דאס אריינלייגן אין זיין שויס, און ער וועט עוסק זיין בתורה באיסור והיתר און אין טמאה וטהרה. דוד המלך וועט זאגן אגדה פארן אייבישטער, און די צדיקים וועלן זאגן יהא שמו הגדול מבורך לעולם ולעולמי עולמים בגן עדן, און די פושעי ישראל וועלן ענטפערן אמן פון די גיהנום ארויס. ווען השי"ת וועט דאס הערן וועט ער פרעגן פון די מלאכים "ווער זענען די וואס ענטפערן אמן פון די גיהנום ארויס?" די מלאכים וועלן ענטפערן "דאס זענען די פושעי ישראל פון גיהנום, אפילו אז זיי זענען אין אזא גרויסער צער, זענען זיי זיך מחזק און זיי זאגן אמן". דער אייבישטער וועט באפעלן פאר די מלאכים "עפענט אויף די שערי גן עדן, און זאלן זיי אריינקומען און זינגען פאר מיר", אזוי ווי עס שטייט "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר

אמונים" אל תקרי שומר אמונים אלא שאומר אמן.

## דער פרייער איד וואס האט איהם בלויז היינט געפרעגט

# "מה זה מנחה? מה זה מנין?"

## קומט איהם אין חלום

עס האט דערציילט הגה"צ גמליאל ראבינאוויטש שליט"א: עס איז דא א איד א צדיק וואס וואוינט אין אשדוד, און ער האט באמערקט אז אין די קורצע ווינטער טעג האבן אידן שוועריקייטן מיטן דאווענען מנחה. אסאך מענטשן זענען נאך ביי די ארבעט ווען די נאכט פאלט צו, און זיי מוזן טרעפן א מנין מנחה אין פארווארפענע פלעצער. אסאך מענטשן זענען דעמאלס אויפן שאסיי (היי וועי) אויפן וועג אהיים פון די ארבעט, און אויב עס ווערט א שטיקל טרעפיק קענען זיי פארשפעטיגן מנחה. דער איד האט באשלאסן צו טוהן צו די זאך, און ער האט אויפגעבויעט א בודקע אויף א הויפט שאסיי ווי טויזנטער אידן פארן טעגליך אדורך צו און פון די ארבעט. יעדן טאג שפעט נאכמיטאג ווען טויזנטער אידן פארן אויפן שאסיי אהיים פון די ארבעט שטייט ער דארטן מיט א גרויסער שילד (סיין) אין די האנט וואס אויף דעם שטייט געשריבן אז מען קען זיך דא אפשטעלן דאווענען מנחה מיט מנין. יעדן טאג אין די ווינטער איז ער דער גבאי וואס פירט אהן מיט דעם פראיעקט, און הונדערטע אידן שטעלן זיך טאקע אפ צו דאווענען מנחה בציבור בזכותו.

אין טאג איז שוין געווען זייער נאנט צום שקיעה, און אין ארץ ישראל זענען זייער אסאך מענטשן מקפיד צו דאווענען מנחה פאר די שקיעה. עס זענען געווען פארזאמלט ניין מענטשן ביים בודקעלע צו דאווענען מנחה און מען האט געווארט פאר א צענטער, אבער די זייגער רוקט זיך נענטער און נענטער צום שקיעה און עס קומט נאכנישט אהן קיין צענטער. די ניין מענטשן זענען שוין געווארן אנגעצויגן, באלד איז שוין די שקיעה און מען וועט שוין אינגאנצן נישט קענען דאווענען קיין מנחה. אבער דער גבאי דער מזכה את הרבים וואס האט אנגעפירט מיטן פראיעקט האט זיי בארואיגט אז מיר האבן בקבלה פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש אז אויב עס זענען דא ניין אידן וועט זיין א צענטער. עס גייט נישט אריבער קיין מינוט פון ווען ער זאגט דאס און.... א קאר שטעלט זיך אפ הארט נעבן די בודקעלע צום פרייד פון די ניין מענטשן. דער גבאי גייט צו צו יענעם אבער... צו זיין אנטוישונג זעט ער אז יענער איז א פרייער איד נעבעך, און ער האט זיך אפגעשטעלט בלויז עפעס צו פאררעכטן אין זיין קאר. ער האט אבער באשלאסן אז עס איז נישטא קיין ברירה ווייל מען מוז זיך שוין שטעלן דאווענען. ער פרעגט יענעם "האסטו שוין געדאווענט מנחה?" יענער פרעגט אים צוריק מיט א תמימות "מה זה מנחה?" ער פרעגט יענעם אפשר ווילסטו משלים זיין די מנין?" יענער פרעגט צוריק מיט א תמימות "מה זה מנין?" ער האט שוין געזעהן מיט וועמען ער האט דא צוטוהן און ער האט אים קורצליך מסביר געווען וואס דאווענען מיינט, אבער יענער האט גע'טענה'ט אז ער נישט קיין איין ווארט פונעם דאווענען. דער גבאי האט אים געזאגט אז בדיעבד אויב איינער ענטפערט בלויז אמן קען מען אים אויך מצרף זיין צום מנין. (הגה"צ גמליאל רבינוביץ שליט"א לייגט צו אז א פרייער איד וואס איז נישט קיין להכעיס'ניק נאר ער איז א תינוק שנשבה פסק'ענען די אחרונים אז מען קען אים מצרף זיין צו מנין.) יענער האט מסכים געווען זיך מצרף צו זיין צו מנין, און ער איז אריינגעקומען אינעם בודקעלע משלים צו זיין די מנין לשמחת לבם פון די ניין אידן. עס גייט אריבער א האלבער מינוט און נאך א קאר שטעלט זיך אפ, און עס קומט אריין צו לויפן אינעם בודקעלע א פאריאגטער פארשוויצטער חרד'ישער איד און ער כאפט זיך מיט מיטן מנין. ווען דער גבאי האט דאס געזעהן איז ער צוגעגאנגען צום פרייער איד און ער זאגט אים "מיר האבן שוין א גאנצן מנין, איר מוזט זיך מער נישט דא אויפהאלטן, איר קענט ארויסגיין פאררעכטען אייער קאר". יענער האט אבער נישט מסכים געווען, און ער האט גע'טענה'ט אז עס איז די ערשטער מאל וואס ער זעהט אזא מחזה, און ער איז דאס זייער מחשיב און ער וויל בלייבן ביזן סוף פונעם דאווענען. נאכן דאווענען האט זיך די גאנצער מנין באדאנקט פאר דעם פרייער איד, און אלע זענען זיך צוגאנגען.

בלילה ההוא נדדה שנת הגבאי.... דער גבאי פונעם מנחה בודקעלע ליגט אין בעט און ער חלום'ט א שרעקעדיע חלום! ער חלום'ט ווי דער פרייער איד וואס איז היינט געווען דער צענטער צו משלים זיין דעם לעצטן מנין מנחה פארן שקיעה, באווייזט זיך צו אים אנגעטוהן אין תכריכין! דער איד זאגט אים "איך בין שוין אויפן עולם האמת! געווענליך איז זייער שווער אז מען זאל געבן רשות פאר א נשמה אראפצוקומען צו איינעם אין חלום אויף די וועלט. אבער בזכות וואס איך האב היינט משלים געווען ענקער מנין און געענטפערט אמן האב איך באקומען רשות אראפצוקומען און זיך צו באוויזן צו דיר אין חלום. מיינע קינדער וואוינען ממש נאנט צו אשדוד, איך בעט דיר טו א טובה פאר מיין נשמה, פאר אריבער צו מיינע קינדער און פועל ביי זיי אז זיי זאלן זאגן קדיש לעילוי נשמתי, ווייל איך דארף וויכטיג האבן די קדישים פארן תיקון פון מיין נשמה!" דער איד האט אים געזאגט די אדרעס פון זיינע קינדער און ער איז פארשוואונדן, און דער גבאי האט זיך אויפגעכאפט מיט א בהלה און א פחד פון די שרעקעדיגע חלום!

דער גבאי האט נישט געכאפט וואס דא גייט פאר, ווייל פאר געציילטע שעה צוריק האט ער דאך געזעהן דעם איד ביים לעצטן מנין מנחה, און וואס איז געשעהן מיט אים? דער גבאי האט שוין מער נישט געקענט שלאפן יענעם נאכט און ער איז באלד געגאנגען אין בית המדרש און ער האט זיך אביסל נאכגעפרעגט, און ער האט דארט געהערט אז דעם אוונט איז געשעהן א שוידערליכער עקסידענט אויפן שאסיי נעבן אשדוד און דער דרייווער איז גע'הרג'עט געווארן רח"ל. דער גבאי האט נאך געדענקט

דעם אדרעס וואס דער נפטר האט אים געזאגט אין חלום, און ער איז תיכף אהינגעפארן. ווען ער איז אהין אנגעקומען האט ער באלד געזעהן אז דער חלום איז אמת, און ער האט געטראפן די קינדער פונעם נפטר זייער צובראכן און צושוידערט, ווייל זייער טאטע איז געווען א יונגער געזונטער מענטש און ער איז אזוי פליצלינג און טראגיש אוועקגעריסן געווארן. ער האט זיך אוועקגעזעצט שמועסן מיט די קינדער, און ער האט זיי דערציילט וואס עס איז מיט זייער טאטן געשעהן מיטן מנין מנחה הארט פאר ער איז אומגעקומען, און דער שרעקעדיגער חלום וואס ער האט געהאט נאכדעם. ער האט זיי אנגעהויבן מסביר צו זיין וואס זאגן קדיש מיינט און וואספארא טובה דאס איז פאר די נשמה פון זייער טאטן, און ווי שטארק זייער טאטע איז אנגעוויזן אויף די קדישים פאר די תיקון פון זיין נשמה. די קינדער זענען געווארן זייער איבערגענומען און מרוגש פון די מעשה און פון די חלום, און זיי האבן זיך אלע באלד אויפן פלאץ אינטערגענומען אז זיי וועלן זאגן קדיש במשך די גאנצע עלעף חדשים! דער גבאי איז זיך פון דארט אהיימגעפארן, און ער האט אינגאנצן פארגעסן פון די מעשה.

עס איז אריבער צוועלף חדשים פון די מעשה, און דער גבאי לייגט זיך שלאפן ביינאכט און.... בלילה ההוא נדדה שנת הגבאי, וישן ויחלום שנית! דער נפטר קומט אים נאכאמאל אין חלום. ער זאגט אים "געווענליך איז זייער שווער אראפצוקומען אויף די וועלט, אבער בזכות די קדישים וואס מיינע קינדער האבן געזאגט האט מען מיר געגעבן רשות אראפצוקומען צו דיר אין חלום. היינט איז מיין ערשטער יארצייט, איך בעט דיר זייער שטארק טו א טובה פאר מיין נשמה, און פאר נאכאמאל אראפ צו מיינע קינדער און פרוביר צו רעדן צו זיי אז זיי זאלן תשובה טון און ווערן פרומע אידן!" דער נפטר געבט אים די אדרעס, און ער ווערט נעלם. דער גבאי וועקט זיך אויף, דאסמאל איז ער שוין נישט געווען אזוי דערשראקן. ער האט זיך תיכף אויפגעהויבן און איז אריבערגעפארן צו די אנגעגעבענער אדרעס, און ער האט געטראפן די קינדער זיך גרייטן צו א יארצייט סעודה. ער האט זיך אראפגעזעצט מיט זיי, און ער האט זיי דערציילט זיין פרישער חלום, און ער האט אנגעהויבן דערן מיט זיי אז לטובת זייער טאטע'ס נשמה און לטובת זייער אייגענע נשמה וואלט געווען כדאי אז זיי זאלן ווערן ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות. די קינדער זענען זייער אנגעווארעמט געווארן, און זיי האבן זיך אלע מקבל געווען תשובה צו טוהן און צו ווערן ערליכע אידן. דער גבאי האט זיי פארבינדן מיט איינע פון די ארגאניזאציעס אין ארץ ישראל וואס זענען עוסק מיט קירוב רחוקים, און ביז א קורצע תקופה זענען אלע קינדער געווארן שומרי תורה ומצוות למהדרין מן המהדרין! אלס בזכות ענטפערן אמן ביי איין תפילת מנחה וואס זייער טאטע האט אריינגעכאפט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן!

## ווען האט יעקב אבינו געשריגן 'אמן יהא שמיה רבא'

דער תרגום ירושלמי שרייבט, אז די הייליגע שבטים זענען זיך צוזאמענגעקומען ארום די גאלדענע בעט פון יעקב אבינו, און זיי האבן געמיינט אז זיי גייען הערן פון אים סדרי ברכות ונחמות וואס וועלן זיין ווען משיח וועט קומען. כידוע איז אבער אלעס פארהוילן געווארן פאר יעקב אבינו. יעקב אבינו האט זיי געזאגט "פון מיין זיידע אברהם אבינו איז ארויסגעקומען ישמעאל און אלע בני קטורה, פון מיין טאטע יצחק איז ארויסגעקומען עשיו. איך זעה דאך אז פון הימל טוט מען פון מיר פארהוילן די סודות וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, איך האב מורא אז דאס איז ווייל ציווישן אייך איז דא איינער וואס אין הארצן דינט ער חלילה עבודה זרה!" ווען די בני יעקב האבן דאס געהערט האבן זיי אלע צוזאמען אויסגערופן "שמע ישראל, ה' אלוקינו, ה' אחד!" ווען יעקב האט דאס געהערט האט ער געזאגט "יהא שמה רבא מברך לעלם ולעלמין!"

*

עס שטייט אין ילקוט שמעוני, רב חמא בר חנה האט געזאגט שירות ותשבחות פאר השי"ת. כאטשיג וואס השי"ת האט רבבות אלפי מלאכים ושרפים וואס לויבן און דאנקן אים, אף על פי כן וויל השי"ת דוקא הערן די שירות ותשבחות פון אידישע קינדער, ווייל עס שטייט עם זו יצרתי לי תהילתי יספרו, אזוי אויך שטייט נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם. רב סימא האט געזאגט אז השי"ת ווערט דערהויבן אין זיין וועלט דעמאלס ווען אידן נעמען זיך צוזאמען אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות און זיי הערן אגדה פונעם חכם, און נאכדעם זאגט מען קדיש און זיי שרייען אויס "אמן, יהא שמה רבא" דעמאלס פריידט זיך השי"ת און ער ווערט נתעלה אין זיין וועלט, און ער זאגט פאר די מלאכים "געבט א קוק ווי מיין פאלק וואס איך האב באשאפן לויבן מיך". דעמאלס טוהט מען אן פאר השי"ת א קרוין אזוי ווי עס שטייט הוד והדר לפניו, און ברוב עם הדרת מלך!

## פארכטיגע ווערטער וואס די הייליגע האסיאטענער רבי זצ"ל האט געזאגט אין חלום פאר ר' נחום מרדכי פרויס ז"ל
## א סקווירא חסיד נאך פון ראמעניע

אין תל אביב שטייט די באקאנטע "יבנה" שול, וואס דאס האט געבויעט א רוסישער איד א חסיד פון הרה"ק איציקל סקווערער זי"ע, ער האט געהייסן ר' נחום מרדכי פרויס ז"ל. ער איז געווען דער ראש השוחטים אין תל אביב, און ער איז געווען א דורכגעווייקטע חסיד'ישער איד. אין די יארן נאכן קריג האבן אין יבנה שול געדאווענט מסלתה ומשמנה פון חסיד'ישע אידן וואס האבן געוואוינט לאלפים ולרבבות אין תל אביב אין יענע יארן. ווען דער ר' נחום מרדכי האט זיך באזעצט אין תל אביב האט ער איינגעזעהן אז פונעם סקווערער הויף אין רוסלאנד איז גארנישט געבליבן, און אין ארץ ישראל האט ער נישט באגעגנט קיין סקווערער חסידים. דער סקווערער רבי זצוק"ל האט נאך דעמאלס געוואוינט אין ראמעניע, און אפילו נאכדעם האט ער געוואוינט אין אמעריקע, און ממילא איז אים נישט געווען מעגליך צו פרעגן שאלות און זיך מזכיר זיין ביים סקווערער רבי זי"ע. נישט האבנדיג קיין מהלך אנצוקומען צום סקווערער רבי זי"ע האט ער זיך מקשר געווען צום הייליגער האסיאטענער רבי זצוק"ל וועלכע האט געוואוינט אין תל אביב, און צו אים האט ער גרינג געקענט צוקומען, און ער האט אים געפרעגט אלע זיינע שאלות.

ווען דער האסיאטענער רבי זצ"ל איז נסתלק געווארן איז ר' נחום מרדכי שוין ווייטער געבליבן אן א רבי, און נישט לאנג נאכדעם האט ער געהאט א שווערער שאלה וועלכע ער האט געמוזט פרעגן פון א רב'ן. ער איז געווען אין א פאלעגענהייט און ער האט נישט געוויסט וועמען צו פרעגן. נאך אפאר טעג האט זיך דער האסיאטענער רבי זי"ע באוויזן צו אים אין חלום, און ער האט אים געזאגט מורא'דיגע

הייליגע דיבורים. דער האסיאטענער האט אים געזאגט "עס איז מקובל אז ווען משה רבינו איז אראפגעגאנגען פון בארג סיני האט אים השי"ת געזאגט, אז ביי די אמן יהא שמה רבא פון קדיש דרבנן נאך אין כאלוקינו פאר עלינו לשבח קען מען זיך אויסבעטן אלעס גוטס. דאס איז קבלת תורת משה מסיני, און דו זאלסט דאס מפרסם זיין פאר אלע חסידים". ר' נחום מרדכי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און ער איז געווען מלא שמחה אויף דער געוואלדיגער גילוי וואס דער האסיאטענער רבי זי"ע האט אים מגלה געווען. צומארגנס ווען ער איז אריינגעקומען אין יבנה שול צום דאווענען האט די שמחה ארויסגעשיינט פון זיין פנים! זיינע חברים די עלטערע חסידישע אידן האבן באמערקט די שמחה אויף זיין פנים און אים געפרעגט "לשמחה מה זו עושה?" ער האט זיי דערציילט דער געוואלדיגער גילוי וואס דער האסיאטענער האט אים מגלה געווען אין חלום, אז ביי אמן יהא שמה רבא פון קדיש דרבנן נאך אין כאלוקינו פאר עלינו לשבח קען מען זיך אויסבעטן אלעס גוטס. זיין שמחה איז געווארן טופח על מנת להטפיח, און אלע חסידישע אידן זענען געווארן מלא שמחה הערנדיג אזעלכע ווערטער!

*

אין בארא פארק וואוינט א איד הרה"ח אשר פסח גרינבערג הי"ו. ער האט דערציילט: איך האב געהערט די מעשה מיטן הייליגן האסיאטענער מיט ר' נחום מרדכי, און עס האט מיר איבערגענומען. נישט לאנג שפעטער האב איך געהאט א קאמפליצירטע שאלה אין ביזנעס, און איך האב נישט געקענט באשליסן וואס צו טון. איך האב מיך דערמאנט פונעם סגולה וואס דער האסיאטענער זצ"ל האט מגלה געווען, און איך האב מחליט געווען אז צומארגנס ביי אמן יהא שמה רבא פון קדיש דרבנן וועל איך מתפלל זיין צוויי זאכן, איינס אז פון הימל זאל מען מיר חונן דעת זיין וואס צו טוהן, און צוויי אז מען זאל מיך געבן א סימן מן השמים אז מען האט מקבל געווען מיין תפילה.

צומאגנס ביי אמן יהא שמה רבא פון קדיש דרבנן נאך אין כאלוקינו האב איך מיך טאקע אויסגעבעטן און מתפלל געווען, און געווארט אויף ישועת ה'. אינמיטן טאג איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט חברים, און איך האב זיי דערציילט פון די סגולה פונעם האסיאטענער זצ"ל מיט די מעשה מיט ר' נחום מרדכי פרויס ז"ל. אפאר פון מיינע חברים האבן מיר דערציילט מסיח לפי תומו אז אינטערעסאנט, פונקט די וואך איז געווען באשריבן אינעם גליון "נקדישך" אט די מעשה מיט ר' נחום מרדכי פרויס ז"ל און די סגולה פונעם האסיאטענער זי"ע! איך בין ממש אויפגעשפרינגען פון פלאץ און איך האב מיך נישט געקענט בארואיגן ווי שנעל השי"ת האט מיך געוויזן אז ער האט אנגענומען מיין תפילה! ברוך השם אז קורץ נאכדעם האט מיר השי"ת חונן דעת געווען וואס צו טון, און אלעס בזכות פון אמן יהא שמה רבא!

# סיפורי צדיקים

## ■ ב' ניסן די יארצייט פון **דער רבי זכרונו לברכה**

מיר האלטן ערב די יארצייט פון דער רבי זכרונו לברכה.

האב איך געהערט א מעשה וואס אברהם ישעי' וואזנער האט פארציילט, ער האט עס געהערט פון ר' משה שפוטץ, אז ס'איז געווען אין די ערשטע יארן, תש"ל, איז ר' משה שפוטץ'ס טאטע, ר' דוד שפוטץ האט זייער נישט גוט געפילט, איז ר' משה שפוטץ ארויס געגאנגען צום ציון צום רבי'ן זכרונו לברכה, ער האט געבעטן, ער האט געשריבן אויפ'ן קוויטל אז וויבאלד זיין טאטע האט אסאך צוגעהאלפן די בית מדרש, אין דעם זכות זאל ער האבן א רפואה.

די נעקסטן טאג איז ער אריין געפארן צו זיין טאטע, און זיין טאטע פרעגט אים, דו ביסט געווען ביים ציון? זאגט ער יא, פון וואו ווייסטו? זאגט ער, ביי נאכט האט ער גע'חלום'ט ווי ער איז אריין מיט א קוויטל צום רבי'ן זכרונו לברכה, און דער רבי זכרונו לברכה האט אים געזאגט אז ער וועט געהאלפן ווערן, ער וועט האבן א רפואה.

## ■ אין די כתבים פון **ר' אלטר ברוך ווייס** ע"ה

אויך האב איך געזעהן אין די כתבים פון ר' אלטר ברוך ווייס, דערציילט ער אז זיין מאמע ע"ה האט פארציילט, פאר זי האט געהאט די ערשטע קינד איז זי געווען מלא פחד, זענען זיי אריין געגאנגען צום רבי'ן, נאכ'ן געבן חיזוק האט דער רבי געזאגט, איך וועל אייך באגלייטן, און דער רבי איז ארויס געגאנגען אויפ'ן גאס, און געוואונטשען, ביז די טעקסי איז אוועק געפארן.

די ראחמאסטריווקע רעבצין האט ער אמאל געפרעגט, איך בין נאך געווען א מיידל, איך האב זיך אייביג געוואונדערט, וואס איז דאס געווען, דער טאטע האט באגלייט א פרוי? אבער אהבת ישראל פון רבי'ן זכרונו לברכה איז געווען עד להפליג.

אויך שרייבט ער דארטן אלטער ברוך, אז ס'איז געווען די יאר פון די הסתלקות, ס'איז געווען ל"ג בעומר, ער האט עס געהאט אנגעטראגן פאר'ן רבי'ן אין די טאג פון די פטירה אז ער איז גרייט צוצוהעלפן מיט די חובות, ס'איז געווען ל"ג בעומר, האט דער רבי געהייסן ר' ישעי' זאל אים אריין רופן, ער האט אים געפרעגט איר זענט נאך ווארים? האט ער

געגנטפערט, אוודאי, האט אים דער רבי געוויזן די חשבונות פון די באנס, און ס'האט באטראפן הונדערט און צוואנציג טויזנט דאללער, רוב פון דעם איז געווען חובות פון יודן פון פופציג אדער הונדערט דאללער, האט ער זיך גענומען ארבעטן צוזאמען מיט ר' שלמה לובער, מיט ר' משה גדליה שפיטצער, און פאר די וואס האבן נישט מוחל געווען, האט מען געשאפט די געלט.

דערציילט ער דארטן, אז ער האט געהאט אמאל א חלום, ער האט גע'חלום'ט אז ער גייט אריין צום רבי'ן, ער זעצט זיך אוועק, און דער רבי רעדט מיט אים אלע חובות, די אלע געלט חשבונות, און ער פרעגט אים צו די באנס איז געווארן מער געלט ווערד, וויפיל מ'צאלט, און בין הדברים האט ער געזאגט, אין אמת'ן בין איך פאר קיינעם נישט געבליבן, איך האב שוין פאר יעדעם א טובה געטוהן בפועל, דארף מען נאך באצאלן און מסדר זיין, נאכדעם קוקט דער רבי אויפ'ן זייגער, און זאגט, איך דארף אוועק גיין פאר צוויי שעה, אבער איך קום נאך צוריק.

דער טאטע האט זיך אויף געכאפט מיט א פחד, און געבליבן אין בעט געשוויצט פון שרעק, נאך צוויי שעה איז ער איין געשלאפן, און דער רבי איז צוריק געקומען ממשיך צו זיין די שמועס.

## ▪ ווער עס העלפט די מוסדות וועט האבן גוטע קינדער

און ווי דער רבי זאגט אלעמאל, איך האב עס געהערט פון רבי'ן אליין, אז דער טאטע זכרונו לברכה האט געזאגט, אז ווער ס'האט צוגעהאלפן די מוסדות וועט האבן גוטע קינדער, און יעצט אויך בשעת קויפן די דירות אין די מייל ארום סקווערא האט דער רבי אויך געזאגט, דער טאטע וועט נישט שולדיג בלייבן, דער רבי זכרונו לברכה איז געווען א גוטער, ער האט אלעמאל ממליץ טוב געווען אויף יודן, ער האט ליב געהאט יעדן יוד, ער איז געווען א געוואלדיגע אוהב ישראל, וועט ער אוודאי יעצט, אין די שווערע צייט ממליץ טוב זיין אויף אונז בפרט, און אויף גאנץ כלל ישראל בכלל, מ'זאל זוכה זיין צו זעהן א ישועה בקרוב, ווען מיר שוין זוכה זיין צו א פרייליכן יום טוב, און א פרייליכן שבת, און א פרייליכן שבת, און זוכה זיין צו די גאולה שלימה, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, במהרה בימינו אמן.

## ▪ כ"א אדר איז געווען די יארצייט פונעם **רבי ר' אלימלך** זי"ע.

ר' איציק'ל פשעווארסקער זי"ע האט דערציילט, ער איז געווען א אייניקל פון רבי ר' אלימלך, אז ס'איז א קבלה פון צדיקים אז ווען דער רבי ר' אלימלך איז ארויף געקומען אויף יענער וועלט, האט מען אים געפרעגט, וואס האסטו געטוהן אויף דער וועלט? האט ער געזאגט אז ער האט גארנישט געטוהן, ווייל זיין ענוה איז געווען נחקק אין אלע חלקים פון זיין נשמה, ביז ער איז געקומען אויף יענער וועלט, האט ער אפילו נישט געוואוסט צו ער האט עפעס געטוהן.

אויך האט ער פארציילט אז נאך די הסתלקות פון דער רבי ר' אלימלך, האט דער קאזניצ'ער מגיד זי"ע געגעבן אזא שמייכל, האט ער געזאגט, ווען דער רבי ר' אלימלך איז ארויף געקומען אין בית דין של מעלה, האט מען אים געפרעגט וואס ער האט געטוהן, האט ער געזאגט, איך האב נישט געדאווענט, איך האב נישט געלערנט, האט אים בית דין געזאגט אז ער זאל גיין אין גיהנום... למעשה האט מען אים געטראגן אין גן עדן.

ווען ער איז געקומען אין גן עדן האט ער געגעבן אזא קלאפ צאם די הענט, ער האט געזאגט, אונז האבן מיר אזא גוט'ן באשעפער, וואס די גיהנום איז אזוי גוט, איז אוודאי און אוודאי ווי גוט די גן עדן וועט זיין, און ער האט געטראכט באמת אז ער איז אין גיהנום...

## ▪ **רבי ר' אלימלך** שטייט אנגעטוהן מיט טלית און תפילין, און ער הערט יעדער יוד'ס בקשה

יעדער יאר ווען דער תפארת שלמה זי"ע פלעגט פאר'ן אויף ליז'ענסק אויפ'ן יארצייט זיין נאנט צום ציון פון דער רבי ר' אלימלך, ער האט נישט געקענט גיין צום ציון ממש, ווייל ער איז געווען א כהן.

איינמאל איז ער דורך געפארן קראקא, און ער איז געווען ביים קראקא'ווער רב ר' שמעון סופר זי"ע, א זון פון חתם סופר זי"ע, האט אים דער קראקא רב געפרעגט, אין קראקא ליגן דאך אזויפיל גרויסע צדיקים, פארוואס קומט ער נישט צו זייערע קברים? האט דער תפארת שלמה געענטפערט, אז צדיקים וואס ליגן דא אין קראקא האבן נישט קיין שייכות מיט דער וועלט, אבער דער רבי ר' אלימלך שטייט אנגעטוהן מיט טלית און תפילין, און ער הערט יעדער יוד'ס בקשה. אזוי האט דערציילט דער ראחמאסטריווקער רבי פון בארא פארק

## **דער אהבת ישראל** זי"ע האט פארציילט,

א רב איז אים געקומען באזוכן כ"א אדר, האט ער פארציילט, ער איז געווען אין שטאט בערלין, דארט איז געווען דער פאלאץ פונעם קעניג, און ס'איז געווען דארטן זייער שיינע זאכן, אפילו ער האט נישט געהאט קיין חשק צו גיין, האט מען אים געבעטן אז ער זאל גיין, ער זאל דארטן קוקן, ער זאל זעהן, איז ער געגאנגען.

נאך א שטיקל צייט איז ער געווען אין פולין, אין ליז'ענסק משתטח זיין אויפ'ן ציון פון דער רבי ר' אלימלך, האט ער געזאגט פאר זיין גבאי, ר' ניסן האט ער געהייסן, יעצט קען מען זעהן בחוש וואס הייסט "יתרון האור מן החושך"! ער האט געפילט די געוואלדיגע קדושה וואס איז געווען ביי די ציון פון רבי ר' אלימלך, קעגן די חושך וואס איז געווען דארטן אין וויען ביים פאלאץ פון דער קעניג.

## דער **וויזניצער רבי פון מאנסי** זצ"ל האט פארציילט

, ער האט עס געהערט פון ר' משה מיכל וויסבלאום וואס איז געווען א אייניקל פון רבי ר' אלימלך, וואס איז געווען באקאנט, אז דער רבי ר' אלימלך האט גע'פועל'ט אז אלע זיינע אייניקלעך זאלן זיין עניים, און דער אהבת ישראל פלעגט אלעמאל זאגן פאר דער ר' משה מיכל, אז ווען ער וועט זיך טרעפן מיט'ן רבי ר' אלימלך, וועט ער אים זאגן אז

ס'איז געקומען די צייט ער זאל מבטל זיין זיין צוואה אז אייניקלעך זאלן שוין קענען זיין עשירים.

איין מאל איז דער אהבת ישראל צוריק געקומען פון רבי ר' אלימלך, האט ער געזאגט פאר ר' משה מיכל, איך האב א גריס פון דיין זיידן, האט ער געזאגט, דער רבי האט מיר דאך צוגעזאגט אז ווען ער וועט זיך טרעפן מיט'ן רבי ר' אלימלך וועט ער בעטן אז ער זאל מבטל זיין די צוואה?

האט דער אהבת ישראל געזאגט, גלייב מיר, איך בין דארטן געווען האב איך אינגאנצן פארגעסן!

*

אויך איז באקאנט אז דער קול אריה זי"ע האט מקרב געווען יעדער עני, ער האט מקיים געווען "נתון תתן", אפילו זיין רעבצין האט געגעבן, האט ער ווייטער געגעבן.

אמאל איז געקומען צו אים א אייניקל פון רבי ר' אלימלך פאר הכנסת כלה, האט ער געהאט אין זיין טאש צען גאלדענע רענדליך, ס'איז געווען א מורא'דיגע גרויסע סכום, און ער האט עס אים אוועק געגעבן. אינמיטן איז זיין רעבצין אריין געקומען, און זי האט אים געבעטן אז זי דארף האבן אביסל פון די גילד'ן פאר צרכי הבית, האט ער געענטפערט אז ער האט שוין נישט, און זי האט אנגעהויבן צו דריקן, איך ווייס דאך אז דו האסט אין דיין טאש צען גאלדענע רענדליך, האסט אלעס אוועק געגעבן פאר'ן אורח?

האט ער איר געזאגט זארג זיך נישט, איך האב א קבלה אז די געלט וואס מ'געבט פאר אייניקלעך פון רבי ר' אלימלך געבט דער אייבערשטער גלייך צוריק. קאם זי איז ארויס געגאנגען, איז געקומען א בעל הבית בעטן א עצה, און ער האט אראפ געלייגט צען גאלדענע רענדליך אויפ'ן טיש, האט זי געזאגט, יעצט זעהט זי ממש בחוש די ווערטער.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, א פרייליכע שבת, אין זכות פון דער גרויסער ר' שלום זאל מען זוכה זיין צו א פרייליכע שבת.

# א פרייליכן שבת